**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער HOCHUL (האקול) שטעלט איין סטעיט אינצידענט מענדזשמענט טיעם צו ווילעדש אוו ווייטהאל דורכאויס אנגייענדע וואסער מאנגל**

***אכט מיטגלידער פון ניו יארק סטעיט'ס אינצידענט מענדזשמענט טיעם איינגעשטעלט צו ווייטהאל צו שטיצן אפרוף אפעראציעס***

***סטעיט אפיס אוו עמערדשענסי מענעדזשמענט האט געשיט 10 פעלעטס פון געבאטלטע וואסער צום ווילעדש, צוזאמען מיט דריי 500-גאלאן וואסער בופאלאס און צוויי 6,700-גאלאן וואסער טאנקערס***

***געזונט און עמערדשענסי מענעדזשמענט עקספערטן פון די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס, ווי אויך דעפארטמענטס פון העלט און ענוויראמענטאלע קאנזערוואציע בלייבן אויפן פלאץ צו שטיצן אפרוף***

***אמעריקאנע רויטע קרייץ צוטיילן וואסער צווישן 8:00 אינדערפרי און 8:00 נאכמיטאג ביי ווייטהאל פייער דעפארטמענט***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן דעם איינשטעלונג פון אן אכט-מיטגליד סטעיט אינצידענט מענדזשמענט טיעם (State Incident Management Team) צו שטיצן די אפרוף צו די אנגייענדע וואסער מאנגל אין די ווילעדש אוו ווייטהאל (Village of Whitehall) אין וואשינגטאן קאונטי. די טיעם איז א פילפאכיגע-אגענטור/פילפאכיגע-יוריסדיקציע טיעם וואס קען ווערן ארויסגעשיקט אדער אקטיוויזירט ווען נויטיג צו שטיין איבער אן אינצידענט אדער געשעעניש אויף א פארזיכערטן אופן, אויף אן אפעקטיוון אופן, און אויף א שנעלן אופן, אפגעזען די סיבה, מאס אדער ווי פארצווייגט עס איז. זינט די סיטואציע וואס האט זיך אנגעפאנגען דעם וויקענד, האט ניו יארק סטעיט איינגעשטעלט פילצאליגע שטאב פון די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services), די דעפארטמענט אוו העלט (Department of Health) און דעפארטמענט אוו ענוויראמענטאלע קאנזערוואציע ( Department of Environmental Conservation), ווי אויך נאך רעסאורסעס אריינגערעכנט וואסער טאנקערס און געבאטלטע וואסער.

"ווען די ווילעדש אוו ווייטהאל שטייט אויס אן אנגייענדע וואסער מאנגל, שטעלט איך איין די סטעיט אינצידענט מענעדזשמענט טיעם צו שטיצן אונזערע באטראפענע קאמיוניטיס ווען מיר ארבעטן צוריקצושטעלן נארמאלע וואסער לעוועלס," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך בין איבערגעגעבן צושטעלן פאר איינוואוינער און ביזנעסער מיט אלע נויטיגע רעסאורסעס דורכצוגיין דעם קריזיס, און איך ארבעט נאנט מיט אונזער סטעיט, לאקאל און נאן-פראפיט פארטנערס צו אפרזיערן אז מיר טוען אלעס וואס מיר קענען צו העלפן."

די ניו יארק סטעיט אינצידענט מענעדשמענט טיעם (IMT) ווערן ארויסגעשיקט אלץ א טיעם פון טרענירטע מאנשאפטן, פארטרעטנדיג מערערע אפטיילונגען פון וויסנשאפט וואס שטייען איבער גרויסע קאמפליצירטע אינצידענטן וואס פארלאנגען א באדייטנדע נומער פון לאקאלע, סטעיט און שבטימדיגע רעסאורסעס. די פארלאנגטע יוריסדיקציע האלט אן אלע לאקאלע קאנטראל, אויטאריטעט, און פאראנטווארטליכקייט דורכאויס די אינצידענט און בשעת די IMT גיבט איבער אינצידענט מענעדשמענט הילף אין זייער נאמען.

זינט די וואסער מאנגל האט זיך אנגעפאנגען איבער דעם וויקענד, איז ניו יארק געבליבן אין קאארדינאציע מיט די ווילעדש און ווייטהאל און וואשינגטאן קאונטי אין שטיצע פון דעם אפרוף. שוין ביז יעצט, האט די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס געברענגט צען פעלעטס פון וואסער, דריי 500-גאלאן בופאלאס און צוויי 6,700-גאלאן וואסער טאנקערס צו פארזיכערן אז די קאמיוניטי האט צוטריט צו וואסער. די דיוויזיעס אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל האט אויך איינגעשטעלט א SL דיאמעטער פייערקעמפער סופליי האוס סיסטעם וואס נעמט טאריין א האוס טראק, א 4500’ 8” סופליי האוס און א וואסער סופליי שטיצע טרעילער.

אין צוגעב דערצו, האט די דיוויזיע' געשטיצט די פארשפרייטונג פון ווייערלעס עמערדשענסי אלערטס צו די ארומיגע געגנט און איר אפיס פון אינטעראפעראבל און עמערדשענסי קאמיוניקאציעס האט איינגעשטעלט נאך קאמיוניקאציע רעסאורסעס צו די געגנט צו פארבעסערן ראדיא און סעלולער דעקונג פאר אפרופנדע אגענטורן.

די סטעיט העלט דעפארטמענט קוקט ווייטער נאך די סיטואציע. שטאב זענען אויפן פלאץ ארבעטנדיג מיט די קאמיוניטי און פארקויפער צו באשטימען פאמפ פארריכטונג לעזונגען און צושטעלן טעכנישע הילף ווי נויטיג. די דפארטמענט האט אויך צווייטאביל פילטערירונג יוניטיס וואס קען גענוצט ווערן צוצושטעלן נאך וואסער פילטערירונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן